# מיט א טיפערן בליק

# פרשת אמור תשפ"א

# ר' איד צייל אָפּ דיינע מתנות!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

שטייענדיג אין די טעג וואס מיר זענען מקיים די מצוה פון ספירת העומר, און טאקע די וואך אינעם פרשה געפונען מיר די פסוקים וואו די תורה הק' איז אונז מצַווה אז מיר זאלן ציילן, ווי די פסוק זאגט: **וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה** - איר זאלט ציילן פאר ענק, פון צומארגנס נאכ'ן ערשטן טאג פסח, פון די טאג וואס איר ברענגט די עומר התנופה, זיבן גאנצע וואכן זאלן זיי זיין. און ווי באקאנט פון ספרים הקדושים, אז דערמיט ציילן מיר די טעג וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים און אנגעפאנגען גיין אקעגן קבלת התורה מיט שמחה, איעדן טאג ווערט געציילט מיט א באזונדערע ליבשאפט ..אט שטייען מיר שוין א טאג נענטער און נאך א טאג נענטער צום גרויסן מעמד הר סיני. און נאך מער, אז מען קוקט אריין אין די תוה"ק באמערקט מען אז דער יו"ט שבועות - קבלת התורה איז נישט קיין ספעציעלן טאג אינעם תורה קאַלענדער אזויווי אלע אנדערע ימים טובים, נאר ס'איז דער טאג וואס קומט נאכן ענדיגן ציילן די 49 טעג, וואס פאנגט זיך אָן די צווייטע נאכט יו"ט פסח ממחרת השבת און ציעט זיך 49 טעג, ווייל די תכלית פון יציאת מצרים איז קבלת התורה, און נאר ווען מיר ענדיגן די 49 טעג גייען מיר אונטער די חופה.

לאמיר פארשטיין, אויב די סיבה פארוואס מיר ציילן איז ווייל מירווארטן מיט בענקשאפט און חביבות צום גרויסן טאג פון קבלת התורה, וואלט מען געדארפט ציילן פארקערט פון 49 און אראפ 48, 47, 46 און אזוי ווייטער, ווי א טאג נענטער זאל מען וויסן אז מען האט נאך פארבליבן א פאָר טאג, ביז מען וועט אנקומען צו 1 און דענאך איז יו"ט, וואס איז דער פשט אז מען ציילט אויף ארויף איין טאג און נאך א טאג ביז 49? און בכלל דארף מען פארשטיין דער לשון פון וספרתם "לכם" איר זאלט ציילן פאר ענק, וואס איז פשט פון דעם "לכם", סוכות איז דא דער ענין פון ולקחתם לכם, די ד' מינים דארף זיין אייגנס נישט געגנבעט, פסח ווייסן מיר איז דא מה העבודה הזאת לכם – לכם ולא לו דער רשע טיילט זיך אפ פון זיינע ברידער, אבער ביי ספירה וואס איז דער וספרתם לכם?

מיר געפינען אין מדרש (ויק"ר פר' כ"ח פס' ג') **תני רבי חייא שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הן תמימות? בזמן שישראל עושין רצונו של מקום** - די פסוק זאגט אונז אז מיר דארפן ציילן זיבן וואכן און "זיי זאלן זיין גאנץ", פרעגט רבי חייא ווי אזוי איז שייך תמימות-גאנץ אויף צייט, ווי קען מען זאגן א גאנצע מינוט, אדער א צובראכענע מינוט, א האלבע שעה איז א האלבע שעה ס'איז נישט דא קיין צובראכענע שעה, וואס איז פשט אין פסוק שבע שבתות "תמימות"? אויך האט געבַאדערט פאר רבי חייא, א זאך וואס באדערט אונז אויך אסאך, ווי אזוי איז שייך אז מען זאל ציילן זיבן גאנצע וואכן פאר השי"ת, ווי איז שייך אז א מענטש זאל לעבן אינגאנצן פאר השי"ת ווען א גרויס חלק פונעם טאג טעגליכן לעבן זענען מיר פארנומען מיט וועלטליכע זאכן וואס מיר מוזן טוען ווי למשל שלאפן, עסן, ארבעטן, העלפן אין שטוב און אזוי ווייטער, זאגט אונז רבי חייא עטליכע קורצע ווערטער "בזמן שישראל עושים רצונו של מקום", לאמיר זיך פארטיפן און ריכטיג אפלערנען די הייליגע ווערטער פון רבי חייא, און בעזר ה' זוכה זיין ארויסצונעמען פון דעם ענין די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פאר אונזער טאג טעגליכן לעבן.

איידער מיר זענען ממשיך ווייטער, איז כדאי צו כאפן א שטיקל בליק אויף די באדייט און די סדר פונעם 'קרבן עומר' וואס מ'האט מקריב געווען אין בית המקדש: ווי באקאנט איז פסח די זמן ווען מ'האט אנגעהויבן צו שניידן פון די פרישע תבואה וואס ווערט געצייטיגט אין די תקופה, און פון די ערשטע שניט דארף געברענגט ווערן אין בית המקדש פאר א קרבן ווי עס שטייט אין פסוק "**וַהֲבֵאתֶם אֶת עֹמֶר רֵאשִׁית קְצִירְכֶם**".

נאך מער פון דעם, עס איז דא א איסור אין די תורה צו עסן '**חָדָשׁ**' פון די נייע תבואה וואס איז יעצט געוואקסן, ווי לאנג מען האט נאכנישט מקריב געווען דעם מנחת העומר, און נאר נאכדעם וואס מ'האט שוין מקריב געווען די מנחת העומר פון די נייע גערשטן, דאס האט 'מַתִּיר' געווען צו עסן פון די נייע תבואה (אויך ווייץ און אלע חמשת מיני דגן ווערן מותר דורך די עומר) און דעמאלטס האט שוין יעדער געמעגט עסן ביי זיך אין שטוב פון די נייע תבואה.

מוצאי דעם ערשטן טאג פסח פלעגט מען זיך ארויסלאזן שניידן די גערשטן פארן מנחת העומר, דערנאך האט מען געברענגט די געשניטענע בינטלעך צום בית המקדש, און מ'האט זיך געשטעלט אויסארבעטן די גערשטן אין די עֲזָרָה צו מאכן פון דעם די בעסטע סארט מעהל פאר א קרבן מנחה. און צומארגענס, דעם צווייטן טאג פסח אינדערפרי האט מען מקריב געווען די מנחת העומר, מ'האט געדארפט ארויפלייגן אויף דעם אויל, און אויך לְבוֹנָה (בשמים - וואַרך), און דערנאך האט דאס דער כהן געדארפט אויפהייבן די כלי מיט די מנחה און מקיים זיין די מצוה פון תְּנוּפָה. שפעטער נעמט מען אראפ א קְמִיצָה פון די מנחה וואס דאס לייגט מען אריין אין א באזונדערע כלי שרת און דער כהן טראגט עס ארויף אויפן מזבח אוןווארפט אריין די קמיצה אינעם פייער. ווי נאר מ'האט מקריב געווען די מנחת העומר אין בית המקדש, האט מען געקענט אנהייבן צו עסן פון די נייע תבואה - חדש אין גאנץ ירושלים.

אגב, די איסור פון חדש איז נאך אלס אנגעגאנגען אין בית המקדש, און עס ציעט זיך ביז'ן יום טוב שבועות, דאס הייסט אז אין בית המקדש האט מען נאכנישט געמעגט מקריב זיין קיין שום קרבן מנחה וואס איז געמאכט געווארן פון נייע תבואה, ביז ס'איז געקומען די יום טוב שבועות וואס דעמאלטס האט מען מקריב געווען די 'שתי הלחם' (צוויי חלות געמאכט פון די נייע ווייץ) און דאס איז מתיר חדש אין ביהמ"ק.

נו, אז מ'איז זיך מתבונן אין די פרשה, פרעגט זיך גאנץ א פשוטע פראגע, וואס איז טאקע פשט אין דער ענין פון דער איסור חדש? און בכלל וואס האט עס עפעס א שייכות צו די ימי הספירה וואס איז בעצם שטארק

פארבינדן מיט דער ענין פון עבודת המידות און הכנה צו קבלת התורה, וואס האבן די צוויי א שייכות?

הערט א מעשה וואס א חבר ר' יוסף האט דערציילט: געווען איז עס מיט גאנצע זיבן יאר צוריק ווען איך האב אנגעפאנגן ארבעטן ביי מיין נייע ארבעט וואס געפינט זיך אינגאנצן אינדרויסן פון די אידישע געגענט וואו איך וואוין, ס'איז א שטיקל מהלך פון לפחות פינעף אין דרייסיג מינוט, טעגליך פלעג איך אהין גיין צופיס, און די וועג איז געווען א ביטערע, יעדן טאג האב איך געטראכט "הלואי זאל איך האבן א אייגענע קאר, דעמאלטס וואלטן זאכן געווען גרינגער", דערנאך האבן זיך די גליסטענישן איבער געדרייט צו מחשבות פון עגמת נפש, **"נאר איך בין אזא שלימזל"** כ'האב נישט קיין אייגענע קאר, אפאר פרוטות פאר א קאר סערוויס האב איך אויך נישט, און באסעס זענען אין יענעם געגנט נישט פארהאן, בקיצור איך בין א געלונגענע שלימזל, און טעגליך האט בערך אזוי אויסגעקוקט מיין שפאציר, אז ווען ס'איז געקומען צום מינוט וואס איך בין אנגעקומען אין ארבעט אריין האט דאס יעדער ארום מיר געשפירט, איך בין געווען ביטער, און פארשטייט זיך אז די גאנצע טאג איז געווען א שווערע און דאס האט געפירט אז איך זאל חלומ'ן פון די מינוט וואס מען גייט שוין אהיים... אבער די וועג אהיים איז גארנישט געווען אנדערש, און אט אזוי בין איך אנגעקומען אין שטוב דערביטערט און פארבלאזן און אזוי איז עס געפארן טאג נאך טאג, ביז.

ויהי היום אינמיטן מיין ביטערע שפאציר צום ארבעט פארזינקן אין מיינע נעגאטיווע מחשבות, הער איך קלאפן פון א פענסטער, צוערשט האב איך נישט געוואוסט וואס דאס איז, אבער ווי נאר איך דריי זיך ארום, באמערק איך אז ס'איז פארהאן א גרויסע גלאז און אויפן צווייטע זייט זיצט א עלטערע מענטש אין א ווינעלטשעיר און ווייזט מיר מיט די האנט 'א גוטן', אין אנהייב האב איך זיך געוואונדערט צו ער מיינט טאקע מיך, אבער ווען איך האב באמערקט אז איך בין די איינציגסטע מענטש וואס שטייט דא אויפן גאס ביים פענסטער מיינט ער דאך מיר, גייענדיג אביסל נענטער צום פענסטער באמערק איך אז דער מענטש פארמאגט א קאפל און ציצית און ער ווייזט מיר גאר אז איך זאל אריין קומען אינעם בנין, איך דריי זיך רעכטס און לינקס זוכנדיג וואו איז דער טיר און וואס קען דער איד ווילן פון מיר, ווען צו די זעלבע צייט ווירבלט מיין קאפ מיט שאלות וואס איז דער בנין, כ'בין שוין דא אדורכגעגאנגען הונדערטע מאל און כ'האב עס מן הסתם נאך קיינמאל נישט באמערקט?!

נאך א מינוט צוויי האב איך געטראפן דעם גרויסן אריינגאנג, און ס'שטעלט זיך ארויס אז ס'איז א מושב זקנים, די פלאץ איז פיל מיט צובראכענע מענטשן וואס דארפן רפואות און ישועות, און אזוי ארום קוקנדיג באמערק איך דער איד וואס האט מיר געקלאפט אין פענסטער, מיר באגריסן זיך און איך פרעג אים וואס מאכט א איד? פון וואו זענט איר? ווילנדיג אנפאנגן עפעס א שמועס...

דער איד לאזט זיך נישטווארטן און זאגט: רבי! איך מוז אייך זאגן, ס'איז שוין עטליכע יאר וואס איך בין דא אין דעם מושב זקנים און ליידער בין איך דער איינציגסטער איד, כשר'ס צו עסן האב איך ב"ה, אבער שוין עטליכע יאר וואס איך זעה נישט קיין איד פאר די אויגן און זיכער נישט א איד ווי דיר, דו פארמאגסט די גאנצע חסיד'ישע חן ווי אין דער אלטע היים, ס'איז מיר א געוואלדיגע הנאה צו זעהן ווי די שפאצירסט טעגליך אין דעם זעלבן צייט מיט אזא געשמאק אין די ארבעט, איך באוואונדער דיין פרייליכקייט און תמימות, טעגליך אויפן זעלבן פלאץ און מיט די זעלבע שנעלקייט, ווער רעדט נאך פון די מעלה אז איר פאָרט נישט מיט קיין אוטו נאר איר גייט צופיס, און דער איד ווישט א טרער ווען ער ווייזט אויף זיינע פיס און ער זאגט **"ליידער קען איך נישט גיין, און איר ב"ה גייט מיט אזא שמחה און ברען" ס'געבט מיר א שמחה אייך צו זעהן, כ'האב אייך פשוט געוואלט זאגן א הארציגע ישר כח!"**

ר' יוסף איז פארגליווערט, ער ווייסט נישט וואס צו זאגן, ער ווייסט אז אט האט עפעס פאסירט וואס וועט בלייבן מיט איהם אויף אייביג! ער שטייט דארט אינגאנצן איבערראשט, ער כאפט זיך אז זיין טעגליכע אנגעווייטאגטע שפאציר איז איין וועג צו קוקן אויף עס, און אפשר בין איך טאקע בארעכטיגט צו בעטן פון הקב"ה פאר עפעס בעסערס, איך זאל זיך קענען ערלויבן א קאר וכדומה, אבער ס'איז פארהאן נאך א בליק, ס'איז פארהאן א טיפערע בליק וואס מען קען באמערקן אויף מיין טעגליכע שפאציר, מען קען גיין דעם זעלבן וועג און דאנקן און לויבן השי"ת אז ב"ה מיר קענען גיין, דערנאך דאנקן אז איך האב וואו צו גיין, דערנאך אז איעדע טריט פון א איד איז א שטיק קידוש ה', טראכטן אז איעדע טריט איז גוט פאר די געזונט, דערנאך אז איך קען נוצן די צייט צו טראכטן און אויסלופטערן דעם מוח, און אפשר אפילו שטייגן אביסל העכער מיט'ן אויסנוצן די צייט צו הערן א שיעור אויפן וועג, און אזוי ווייטער און ווייטער... ר' יוסף פירט אויס אז איך גיי נאך טעגליך אויף דעם זעלבן וועג אבער ס'איז פון די געשמאקסטע מינוטן אין טאג, איך שפאציר זיך געמיטלעך ווען אין די אויערן בין איך זוכה צו הערן הייליגע שיעורים, איך נוץ די צייט פאר התבוננות און מחשבה, בפרט אויפן וועג אהיים נוץ איך אויס די מינוטן זיך אויסצולופטערן צו קענען אהיים קומען מיט א רואיגע שמחה'דיגע געשמאק, "וועסט נישט גלייבן אז צומאל שטעלט זיך א קאַר אפ פרעגן צו איך דארף א היטש און דער ענטפער איז ישר כח אבער איך בין גוט, ווייל ס'איז איינע פון די שענסטע מינוטן אין טאג ווער וויל דאס אוועקגעבן?!"

טייערע ברידער און שוועסטער לאמיר זיך אפשטעלן און זיך פרעגן, ווי קוקט אויס אין אונזער לעבן די סארט ר' יוסף מינוטן, מצבים וואס מיר שפירן צובראכן און צוקלאפט, עפעס אזוי שלימזל'דיג, די מינוטן וואס מען טראכט "ווען איך וואלט געהאט א קאר", ווען איך וואלט געקענט ערלויבן צו קויפן דאס אדער יענץ, ווען איך וואלט געהאט געלט אדער נחת וכדומה, וויפיל מאל האבן מיר מחשבות אין לעבן פון אומצופרידנקייט, וויפיל מאל בויען זיך די נעגאטיווע געפילן וואס זאגן ווען איך וואלט נאר געהאט... דעמאלטס... און צוביסלעך ברענגן אונז די געפילן צום ביטערע החלטה אז ס'מוז זיין אז איך בין עפעס א שלימזל, ס'איז זיין אז איך בין פשוט נישט ווערד די הצלחה וכדומה, אבער ברידער ס'איז אזוי ווייט פון דאס אמת ווייל ווען מיר זאלן נאר נעמען עטליכע מינוט פון התבוננות וועלן מיר באמערקן אז אט אין אונער שווערינקייט, אט אין יענעם שווערע מינוט זענען פארהאן אזוי פיל הערליכע מתנות וואס הקב"ה געבט אונז, אט דארט ווי מיר טראכטן אז

איך בין א שלימזל אט דארט איז פארהאן פילע געוואלדיגע חסדים גדולים פון הקב"ה און דאס גאנצע וואס ס'פארלאנגט זיך פון אונז איז אפירצוזיכן די מינוט'קעלעך פון התבוננות, די מינוטן וואס מיר שטעלן זיך אוועק באמערקן און אנערקענען די חסדי ה', און ווי נאר מען שטעלט זיך אוועק דרייט זיך דער מציאות איבער, ס'ווערט לעבטיג!

אבער ווען מען לעבט נישט מיט התבוננות, ווען מען שטעלט זיך נישט אפ טראכטן באמערקט מען נישט די אלע חסדים גדולים וואס ליגט אין אונזער לעבן, פלוצלינג פאנגט מען אָן נעמען די אלע חסדי ה' פאר עפעס וואס ס'קומט זיך און דער מענטש שפירט און טראכט פון דאס וואס ער האט נישט, פון דאס וואס וואלט געקענט זיין בעסער און שענער אין לעבן ווען דאס אדער יענץ וואלט ווען געווען אנדערש... וד"ל. און נישט אנדערש ווי אונזער ר' יוסף וואס איז מֵעִיד אויף זיך, אז כאטש ער האט גארנישט געטוישט פון זיין 'ראוט' און ער טוט די זעלבע ווי ביז היינט, ער גייט אופן זעלבן וועג, די זעלבע צייט, מיט די זעלבע שנעלקייט איז עס אבער גאנץ א צווייטע וועלט, דער שפאציר איז שוין מער קיינמאל נישט געווען די זעלבע ווי אמאל, ס'גייט זיך מיט א שמחה.

דערמיט קומען מיר צוריק צום שמועס, אין ספר החינוך (מצוה ש"ב) שטייט א טעם פארוואס די תורה הייסט אונז ברענגען דעם קרבן עומר, **"כדי מיר זאלן זיך מתבונן זיין און אריינקלערן די געוואלדיגע חסד וואס השי"ת טוט מיט אונז, אז ער גיבט אונז און באנייט פאר אונז פרישע תבואה יעדעס יאר. און ממילא איידער מיר גייען הנאה האבן פון די נייע תבואה זאלן מיר דאס דערמאנען און געדענקן, און אין דעם זכות וועט אריינקומען די ברכה אין אונזער תבואה"**. וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז די גאנצע טיפקייט פון די מצוה פון קרבן עומר איז אז מיר זאלן זיך 'אפשטעלן און זיך מתבונן זיין', דער איד זאל באמערקן אז זאכן געשעהן נישט פון זיך אליין, זאכן וואקסן נישט פון זיך, נישט ווייל פאריאר איז געווען תבואה מיינט עס אז דאס יאר וועט אויך זיין, מיר האבן א באליבטע טאטע וואס פארזארגט אונז, וואס געבט אונז, איעדע יאר איז עס א פרישע השפעה פון חסדים וואס הקב"ה איז פאר אונז משפיע, און ווי דער חינוך זאגט אז הקב"ה וויל געבן השפעות פאר זיינע קינדער און דערמיט וואס מיר זענען זיך מתבונן, דערמיט וואס מיר דאנקן און לויבן זענען מיר מעורר אַן השפעה.

ווי אויך עקלערט דער חינוך (מצוה ש"ג) אז דאס איז אויך די טעם פארוואס מ'טאר נישט עסן קיין נייע תבואה איידער מען איז מקריב די קרבן עומר אין בית המקדש, וויבאלד תבואה איז די עיקר שפייז פון א מענטש, א מענטש לעבט דאָך אויף ברויט, און דעריבער פּאַסט עס אז איידער מיר גייען נעמען פון די נייע תבואה פאר אונזערע געברויכן, זאל מען קודם מקריב זיין א קרבן פארן אייבישטער דערפון. פונקט ווי חז"ל זאגן אונז אז מ'טאר נישט הנאה האבן פון קיין שום זאך אויף די וועלט אָן מאכן א ברכה דעראויף, די זעלבע זאך איז מיט'ן קרבן עומר וואס מיר ווייזן אז עס באלאנגט אלעס צום אייבישטער.

לערנען מיר פון דעם, אז טאקע דאס איז די פנימיות און טיפקייט פון די מצוה פון עומר און אויך די איסור פון עסן חדש, יא מ'קען אזוי אנגיין מיט'ן לעבן הונדערט יאר און שניידן פרישע תבואה, ס'דרייט זיך א רעדל, מ'באקומט נאך און נאך, אבער מ'שטעלט זיך נישט אפ טראכטן און מתבונן זיין וואס מ'פארמאגט, וויפיל חסדים דער אייבישטער טוט מיט אונז. און דערפאר זאגט די תורה, שטעל זיך אפ, טראכט אריין, און הייב אָן צו באמערקן און צו שעצן און מחשיב זיין די אלע גוטע זאכן.

און באמת איז דאס די גאנצע יסוד פון די ימי הספירה, עס גייט אדורך א טאג נאך א טאג, וועלכע מיר 'ציילן' און מיר זענען מחשיב יעדן טאג באזונדער, צו וויסן אז ס'איז א ספעציעלע מתנה און א חשיבות, איעדן טאג קומט מיט די אייגענע מעלות און גוטע זאכן וואס מ'דארף אויסנוצן. און טאקע דערפאר ציילן מיר נישט די טעג וואס זענען נאך געבליבן פון היינט און ווייטער, אדרבה, מיר ציילן די טעג וואס זענען שוין אדורך, מיר זענען זיך מתבונן און באמערקן **"אה, איך האב זוכה געווען צו האבן נאך א טאג, איך האב קונה געווען נאך א קנין, נאך א מידה"**, מיר זענען מחשיב און שעצן דאס וואס מיר פארמאגן.

נאך מער, ווי מיר האבן שוין דערמאנט זענען דאך די טעג פון ספירה א זמן פון השתוקקות און הכנה צו קבלת התורה, דאס הייסט אז א איד איז מחשיב און ער דערהערט די חשיבות פונעם זמן, עס קומט א יום טוב שבועות, עס קומט אזא דערהויבענע און הייליגע קבלת התורה! איז איינער וואס לעבט ליידער אָן קיין התבוננות און מחשבה, דער פּאַלט טאקע אריין אינעם שבועות 'ווי א יון אין די סוכה', וויבאלד ער לעבט א לעבן אין וועלכע ס'פעלט דעת און הבחנה צו טראכטן און פארשטיין יעדע זמן און יעדע געלעגנהייט, וואס איז דער זמן, און וואס קען איך אלס פארדינען דערפון, און ממילא נוצט ער טאקע נישט אויס די דערהויבענע טעג, און ער פארפּאַסט די לעבטיגע אוצרות. אבער אז א איד איז מחשיב, ער האט 'מחיצות און גדרים' ווי מיר האבן שוין דערמאנט אין די פריערדיגע שמועסן, ער פארשטייט וואס עס מיינט א פסח, א ל"ג בעומר, ימי הספירה, א שבועות, דער מאכט טאקע א הכנה, ער קוקט שוין ארויס פון פריער און ער האָפּט און וואַרט צו קענען 'מיטלעבן' און אויסנוצן אזא צייט ווי עס דארף צו זיין.

לאמיר כאפן א בליק אין מורא'דיגע ווערטער פון א ראשון, אין שו"ת הרשב"א (ח"ג סימן רפ"ד) שטייט בשם דער בעל העיטור ז"ל: ווען משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז ווען מ'גייט ארויסגיין פון מצרים גייט מען מקבל זיין די תורה ביים בארג סיני, האבן די אידן געפרעגט "משה, ווען וועט דאס פּאַרקומען?", און משה רבינו האט זיי געזאגט אז אין פופציג טעג ארום גייט זיין קבלת התורה. ווי נאר די אידן האבן דאס געהערט, האט יעדער איינער פון גרויס השתוקקות אנגעהויבן צו ציילן פון זיך אליין די טעג צו קבלת התורה. און אלס א זכר צו יענער ציילן וואס די אידן האבן געציילט פון גרויס השתוקקות און פרייד, דערפאר האבן די חכמים באשטימט אז אויך היינטיגע צייטן זאלן מיר ציילן ספירה אלס א זכר צו יענע שמחה און השתוקקות צו קבלת התורה.

זעען מיר פון דעם אז אין די ימי הספירה ליגט אט דער געדאנק, פון זיך פרייען און מחשיב זיין די זמן, און די אידן האבן דאס דעמאלטס געטוען בשעתו אפילו אָן קיין ציווי ה', דאס איז נאך געווען פאר מתן תורה, אבער ס'איז זיי אריין אין די ביינער און זיי האבן דערהערט און פארשטאנען אז ס'קומט א גרויסע מתן תורה. און ווי דער רשב"א זאגט,

אז כאטש היינטיגע צייטן האבן מיר שוין נישט דער קרבן עומר, און מן התורה איז נישט דא קיין מצוה פון ציילן ספירה בזמן הזה (ווייל מ'דארף דאך ציילן "מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה" פון ווען מ'ברענגט די מנחה אין ביהמ"ק), דאָך אבער איז אונז יא געבליבן די טיפקייט פון די טעג, די רוחניות'דיגע ירושה פון די געוואלדיגע השתוקקות וואס איעדע איד האט געשפירט דעמאלטס פאר מתן תורה, און דאס קענען מיר מקיים זיין אויך היינטיגע צייטן.

**און אין טאג טעגליכע לעבן איז דאס אונז נוגע גאר שטארק, ווי ווייט מיר דארפן מחשיב זיין און אנערקענען די מתנה פון יעדן איינציגסטן טאג. זיך מתבונן זיין, אה, ווי געשמאק איז יעצט ווען כ'בין זוכה צו גיין אין שול אריין לערנען און דאווענען צום אייבישטער, און יעצט איז די זמן וואס איך גיי צו די ארבעט, דער אייבישטער האט מיר געגעבן א דזשאַב, איך בין זוכה צו ברענגען פרנסה אין שטוב אריין, און דערנאך זיך מתבונן זיין "יעצט גיי איך אהיים, איך האב די מתנה און זכיה צו פארברענגען מיט מיין משפחה, איך גיי קענען פארברענגען מיט די ווייב און קינדער און זיך אפגעבן מיט זיי". אט דאס מיינט "תמימות תהיינה" טעג וואס זענען גאנץ! מ'לאזט נישט ארויסלויפן די געלעגנהייטן און זמנים פון אונטער די הענט, און מ'מאכט נישט פון אלעס איין גרויסע קוגל אָן טראכטן... מ'לאזט נישט די טייערע שעות אינדערהיים פארוואסערט ווערן מיט שטותים אדער ביזנעס אנגעלעגנהייטן, ווייל איך בין א מענטש וואס טראכט, איך האב מיינע מחיצות און מויערן, און איך צייל מיינע טעג אזוויי איינער וואס ציילט זיינע אוצרות צו וויסן וויפיל ער פארמאגט אלס און ווי רייך ער איז.**

**דערפאר ציילן מיר אויף ארויף 46.. 47.. 48 ווייל מיר נעמען מיט אלע טעג מיט זיך און מיר מאכן וואכן דערפון, אלעס אריינצוברענגען אין אונז די מהלך החיים אז אלעס ציילט און אלעס ווערט איין גרויסע שטיק תמימות תהיינה, איעדע רגע, איעדע שריט און טריט איז א חלק פון אונזער טייערער פארמעגן וואס מיר זאמלען און לייגן אריין א טאג אויף א טאג אין אונזער דעפאזיט באקס לנצח ולעולמי עד, און דאס פאסירט טאקע נאר ווען דער מענטש אנערקענט אז איעדע רגע איז געציילט און טייער, איעדע רגע פארמאגט זיין ארבעט, שליחות און חסד ה'.**

און ווי דער מדרש זאגט טאקע "בזמן שישראל עושין רצונו של מקום" אז ווען א איד טוט דער רצון השי"ת, ער פירט זיך ווי אַן ערליכער איד, ער לעבט מיט א חשבון און א התבוננות, דעמאלטס וועלן דיינע טעג זיין 'גאנצע' טעג, זיי וועלן זיין זיסע און לעבטיגע טעג אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין, און זיי וועלן זיין אויסגעהאלטן בגשמיות וברוחניות. און נאך מער, זיי ווערן גערעכנט ווי 'גאנצע טעג' אין עבודת השי"ת, ווייל אז א מענטש איז אייביג א "מכיר את מקומו" ער ווייסט וואס זיין תפקיד איז אין שטוב, און וואס ער טוט ווען ער ארבעט, און ער לעבט שטענדיג מיט א חשבון און מיט א קלארקייט, דאס ווערט גערעכנט ווי איין שטיק עבודת השי"ת, ווייל דאס אלעס איז א חלק פון דינען דעם אייבישטער און טוען דעם רצון ה', דאס איז אלעס כדאי ער זאל קענען לערנען און דאווענען און אויפהאדעווען זיינע קינדער בדרך התורה, איז אלעס ווערט אזוויי איין גרויסע שטיק עבודה. ווי באקאנט זענען די ווערטער פון די רמב"ם (הלכות דעות פ"ג ה"ג) זאגט: **אפילו בשעה שהוא ישן, אם ישן לדעת כדי שתנוח דעתו עליו וינוח גופו כדי שלא יחלה, ולא יוכל לעבוד את ה' והוא חולה, נמצאת שינה שלו עבודה למקום ברוך הוא, ועל ענין זה צוו חכמים ואמרו וכל מעשיך יהיו לשם שמים** - אפילו ווען א מענטש שלאפט, אויב שלאפט ער כדי ער זאל זיין אויסגעריעט און האבן כח צו דינען השי"ת ווערט זיין גאנצע שלאף א חלק פון זיין עבודת ה', אזוי אויך איז ווען א מענטש עסט, אויב עסט ער צו האבן כח איז דאס רצון ה', דאס הייסט אז אפילו א וועלטליכע-גשמיות'דיגע זאך וואס א מענטש טוט אדער איז פארנומען מיט, אויב איז די ציל אז דאס זאל אים ארויסהעלפן אז ער זאל קענען דינען השי"ת ווערט דאס אויך הייליג און א שטיק רוחניות.

אין ספרים הק' ווערט געברענגט איבער די גרויסקייט און געהויבנקייט פון די ימי הספירה און די קדושה וואס שיינט אין זיי, ווי עס איז מרומז אינעם לשון הפסוק "**וּסְפַרְתֶּם לָכֶם**" א לשון פון א דיימאנט שטיין וואס שיינט און לייכט - ווי א טייערע '**סַפִּיר**' שטיין. דער רמב"ן שרייבט אין אונזער פרשה (כ"ג ל"ו) אז די טעג פון ספירה זענען געהייליגטע טעג אזוויי חול המועד וואס געפונט זיך צווישן צוויי טיילן פונעם יום טוב, דאס זעלבע האט אונז די תורה הק' געגעבן דעם יום טוב פסח, און דערנאך די ימי הספירה וואס איז ווי דער המשך פונעם יום טוב, און דערנאך קומט שבועות וואס איז ווי דער צווייטער טייל פונעם יום טוב פסח, און דערפאר ווערט עס אנגערופן מיט'ן נאמען "עצרת" וויבאלד ס'איז אזויווי שמיני עצרת וואס קומט נאך סוכות. – וואס מיר זעהן פון די ספרים הקדושים אז מען רעדט פון גאר גרויסע דערהויבענע טעג און ווי מיר שמועסן איז דער שליסל דערצו דער ענין פון התבוננות, דער ענין פון זיך אפשטעלן פונעם טעגליכן געלויף און אנערקענען די חסדי ה' וואס נעמט אונז טעגליך ארום, אנערקענען אז אין די מינוטן וואס קען זיך שפירן שווער און ביטער אט דארט ליגט באהאלטן געוויסע לעבטיגקייטן וואס ברענגט אונז גאר אסאך, לאמיר אנפאנגן 'ציילן' אונזערע טעג און צו דער זעלבע צייט באמערקן אז די טעג זענען 'געציילטע' איעדע טאג איז א געלעגנהייט, איעדע טאג איז 'די' טאג, איעדע מינוט איז 'די' מינוט, לאמיר עס אנערקענען און ריכטיג מחשיב זיין און דערמיט זוכה זיין אויפצומאכן די טויערן פון השפעות טובות!

לסיכום געדענק:

- די טעג פון ספירה זענען פארבינדן צום מנחת העומר וואס ווייזט פאר א מענטש זיך אפשטעלן, טראכטן, און אנערקענען וואס השי"ת גיבט אונז.
- מ'קען אמאל טוען די זעלבע זאך, אָן התבוננות וועט עס זיין ביטער און שווער, אבער מיט מחשבה ווערט עס לעבטיג!
- יעדן טאג האט אין זיך אומשאצבארע אוצרות און לעבטיגע שעות וואס מ'קען אויסנוצן, מיר דארפן זיי נאר באמערקן!

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com